קונטרס

# אמרי מנחם

דברי תורה וסיפורי קודש
מאת כבוד קדושת מרן
רבינו **אברהם מנחם מענדל וואגשאהל** זי"ע
**אדמו"ר משינאווא**

## פקודי

גליון ל"א - שנת תשפ"ד לפ"ק

· **אידיש** ·

יו"ל ע"י
מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת
ספרי רבינו זצוק"ל
שינאווא

כל הזכויות שמורות

בס"ד

מכון אמרי מנחם
וועד להוצאת
ספרי רבינו זצוק"ל
שינאווא

מי שיש לו איזה הערות או הארות
נא לפנות אל המכון

יכולין להשאיר הודעה על הטעל. 845.459.5954

או לשלוח ע"י אימעיל
mechonshinova@gmail.com

**לקבלת הקונטרס מידי שבוע**
**נא לשלוח אימעיל עם הבקשה**
**MechonShinova@gmail.com**

## אֵלֶּה פְקוּדֵי הַמִּשְׁכָּן מִשְׁכַּן הָעֵדֻת אֲשֶׁר פֻּקַּד עַל פִּי מֹשֶׁה.

**א)** רש"י זאגט: "**משכן העדת - עדות לישראל שויתר להם הקדוש ב"ה על מעשה העגל שהרי השרה שכינתו ביניהם**" - דער משכן איז אן עדות פאר כלל ישראל, אז דער אייבערשטער האט זיי מוֹחֵל געווען אויפן חטא המדבר, וויבאלד מען זעט דאך אז די שכינה האט גערוהט ביי זיי. לכאורה דארף מען פארשטיין, פון וואו איז די ראיה אז דער אייבערשטער האט זיי **מוחל** געווען, עס קען דאך זיין א בחינה פון 'השוכן אתם בתוך טומאותם'?

**ב)** אויך דארף מען פארשטיין, עס מוז דאך אייביג זיין א 'תשובת המשקל' אויפן זעלבן ענין פונעם חטא. נו דארף מען פארשטיין, מיט וואס איז דער משכן געווען גענוי פארקערט ווי דעם חטא המדבר - אז עס האט געקענט מכפר זיין דערויף?

**ג)** אויבן אין פרשת כי תשא שטייט: (שמות ל, טו): "**וְלָקַחְתָּ אֶת כֶּסֶף הַכִּפֻּרִים וגו' וְהָיָה לִבְנֵי יִשְׂרָאֵל לְזִכָּרוֹן לִפְנֵי ה' לְכַפֵּר עַל נַפְשֹׁתֵיכֶם**". רש"י (ד"ה ונתת) זאגט דארט, אז דער פסוק גייט ארויף אויף די 'אדנים' - וואס מען האט געמאכט פונעם מחצית השקל. און לכאורה גייט דער 'לְכַפֵּר עַל נַפְשֹׁתֵיכֶם' **אויך** ארויף אויף דעם, אז די 'אדנים' האבן מכפר געווען אויפן חטא המדבר. אבער לכאורה איז שווער, פארוואס עפעס דוקא ביי די 'אדנים' - ווָעלכע ליגן פון אונטן און מען זעט זיי קוים אָן - זאגט די תורה אז דאס קומט 'לכפר על נפשותיכם', עס זענען דאך געווען אסאך חשוב'ערע כלים; ווי דער ארון, דער שולחן וכדומה, וואס דארט שטייט נישט 'לכפר על נפשותיכם'?

**ד)** אויך דארף מען פארשטיין דעם חילוק, וואס ביי די אדנים שטייט 'לכפר על נפשותיכם', וואס דאס מיינט, אז די אדנים אליינס זענען מכפר. ווידער, ביים כלליות המשכן שטייט 'משכן העדות', וואס דאס מיינט, אז דער 'משכן' איז בלויז א 'סימן' אז מען **האט** מכפר געווען. וואס איז דער פשט?

**ה)** אין דער הפטורה פון פרשת תצוה שטייט (יחזקאל מג, י): "**אַתָּה בֶן אָדָם הַגֵּד אֶת בֵּית יִשְׂרָאֵל אֶת הַבַּיִת וְיִכָּלְמוּ מֵעֲוֹנוֹתֵיהֶם**" - ווען

אידישע קינדער וועלן קוקן אויפן בית מקדש, וועלן זיי ווערן מלא בושה וחרפה פון זייערע עונות. לכאורה דארף מען פארשטיין, **מיט וואס** איז דער בית המקדש מעורר ביי א איד א בושה פון זיינע חטאים?

**ו)** דער מדרש זאגט (תדא"ר יז): "**כיון שקבלו ישראל עול מלכות שמים בשמחה ואמרו 'כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע', מיד אמר הקב"ה למשה שיאמר לישראל שיעשו לו משכן שנאמר וגו' ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם**" - ווי נאר אידן האבן געזאגט 'נעשה ונשמע', האט באלד דער אייבערשטער געזאגט 'ויקחו לי תרומה'. לכאורה דארף מען פארשטיין, וואס איז דער שייכות צווישן די צוויי ענינים?

**ז)** די גמרא זאגט (ברכות לב:): "**מאי דכתיב גם אלה תשכחנה, זה מעשה העגל, ואנכי לא אשכחך, זה מעשה סיני**" - דער אויבערשטער זאגט, אז דעם חטא פון '**אלה** אלהיך ישראל' וועט פארגעסן ווערן, אבער דעם זכות פון '**אנכי** ה' אלקיך' וועט ער קיינמאל נישט פארגעסן. לכאורה דארף מען פארשטיין פשט אין דעם, וכי משוא פנים יש בדבר?

**ח)** אויבן ביים חטא המדבר שטייט (שמות לב, לא): "**וַיָּשָׁב מֹשֶׁה אֶל ה' וַיֹּאמַר אָנָּא חָטָא הָעָם הַזֶּה חֲטָאָה גְדֹלָה וַיַּעֲשׂוּ לָהֶם אֱלֹהֵי זָהָב**" - משה רבינו האט געזאגט, **איך בעט דיר**, דאס פאלק האט געזינדיגט א גרויסן חטא, און זיי האבן געמאכט א גאלדענעם געטשקע. לכאורה איז זייער שווער, ער הייבט אָן מיטןווארט 'אנא' - איך בעט דיר, און ער פירט בכלל נישט אויס מיט קיין בקשה?

**ט)** אויך איז שווער, פארוואס ברענגט ער ארויס, אז זיי האבן געזינדיגט א **גרויסן** חטא? ער וויל דאך מעורר רחמים זיין אויף זיי, נו, וואלט ער דאך געדארפט ממליץ טוב זיין און פרובירן צו מאכן **קלענער** דעם חטא?

**י)** אויך איז שווער, פארוואס טיילט ער עס אפ אויף צוויי באזונדערע זאכן, 'חטאה גדולה', און '**ויעשו** להם אלהי זהב', עס איז דאך איין זאך? ער וואלט געדארפט זאגן 'חטאה גדולה **עשו** להם אלהי זהב'?

**יא)** ווייטער שטייט דארט: "**וְעַתָּה אִם תִּשָּׂא חַטָּאתָם וְאִם אַיִן מְחֵנִי נָא מִסִּפְרְךָ אֲשֶׁר כָּתָבְתָּ**" - אויב ביסטו זיי יעצט מוחל, איז גוט, און אויב נישט מעק מיר אויס פונעם ספר תורה. לכאורה איז שווער, פארוואס דא ווען ער קומט בעטן 'תשא חטאתם', אז דער אויבערשטער זאל זיי מוחל זיין - בעט ער נישט בלשון תחנונים 'אנא', נאר מיט אזא ברייטן לשון פון 'מחני נא'?

**יב)** אויך דארף מען פארשטיין דעם גאנצן חשבון פון 'מחני נא', דער **כלל ישראל** איז דאך געווען דער וואס האט געזינדיגט - נישט משה רבינו, נו, פארוואס זאל מען **אים** אויסמעקן פונעם ספר תורה - צוליב **זייער** חטא?

**ווען א מענטש איז ריין פון עבירות - איז ער עלול אריינצופאלן אין גאוה**

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. דער דרכי תשובה אין זיין ספר 'שו"ת צבי תפארת' (בהקדמתו, רשומי דברים ד"ה דור המדבר) ברענגט אראפ א פשט פונעם הייליגן עטרת צבי זי"ע אויף דער גמרא (ר"ה יז:): "**ה' ה', אני הוא קודם שיחטא האדם ואני הוא לאחר שיחטא האדם ויעשה תשובה**" - דער אייבערשטער איז זיך מרחם אויפן מענטש סיי איידער ער זינדיגט, און סיי נאכדעם וואס ער זינדיגט און ער טוט תשובה. פרעגט דארט דער רא"ש: צו וואס פעלט אויס א מדת הרחמים **איידער** דער מענטש זינדיגט, ער איז דאך ריין פון עבירות?

**זאגט** דער עטרת צבי א פשט, לויט וואס דער חובת הלבבות זאגט (שער עבודת האלקים פרק ד): "**ואמר קצת החסידים לתלמידיו: אילו לא היו לכם עוונות, הייתי מפחד עליכם ממה שהוא גדול מן העוונות, אמרו לו: מה הוא גדול מן העוונות, אמר: הגבהות והגאוה, כמו שאמר הכתוב** (משלי טז, ה): **תועבת ה' כל גבה לב**" - דער חסיד האט געזאגט פאר זיינע תלמידים, אויב וואלט עטץ **נישט** געהאט קיין עבירות, וואלט איך מורא געהאט אז עטץ האט די מדה פון 'גאוה' וועלכע איז **נאך ערגער** ווי עבירות. און דער פשט איז, אז א מענטש וועלכער האט געזינדיגט און תשובה געטון, איז ער געוועגליך צובראכן ביי זיך מיט א לב נשבר, אבער דער וועלכער איז נאך קיינמאל נישט דורכגעפאלן מיט אן עבירה, איז ער זייער עלול צו קומען צו 'גאות' און זיך גרויסהאלטן - מיט דעם וואס ער איז ריין פון עבירות.

**מיט** דעם טייטשט דער עטרת צבי: **"אני הוא קודם שיחטא האדם"** - איידער א מענטש האט געזינדיגט דארף ער האבן אסאך רחמי שמים, אז ער זאל נישט אריינפאלן אין קיין גאות, און דעריבער איז פארהאן א ספעציעלע מדה פון די מדות הרחמים, אים אפצוהיטן פון גאות. **"ואני הוא לאחר שיחטא האדם ויעשה תשובה"** - נאכדעם וואס א מענטש האט געזינדיגט און תשובה געטון, האט ער דאך שוין א לב נשבר און ער דארף שוין נישט אזא גרויסע שמירה פון גאות, נאר יעצט פועל'ט די מדת הרחמים, **אנצונעמען** זיין תשובה.

##### אידן האבן געציטערט פון גאוה - דערפאר האבן זיי געטון דעם חטא

**מיט** דער הקדמה איז דער 'דרכי תשובה' ממליץ טוב אויפן דור דעה, פארוואס זיי האבן געזינדיגט מיט דעם חטא. ווייל איינמאל אידן האבן געזאגט 'נעשה ונשמע', זענען זיי אנגעקומען צו גאר הויכע מדרגות, זיי זענען געווען ריין פון חטאים און פונעם יצר הרע; ווי די גמרא זאגט (שבת קמו.), אז עס איז געווען 'פסקה זוהמתן', און זיי האבן געלאכטן ווי דער 'אור שבעת ימי בראשית'. אידן האבן אבער זייער געציטערט: "מיר זענען דאך אין א מורא'דיגע סכנה! אויב מיר זענען אזוי ריין פון חטאים, קענען מיר דאך יעדע רגע אריינפאלן אין גאות חלילה - וואס דאס איז נאך ערגער פון א חטא! ביז יעצט האבן מיר דא געהאט דעם משה רבינו, וואס ער איז געווען דער גרויסער 'עניו מאוד מכל האדם', און ער האט אונז אריינגעברענגט ענוה, אבער יעצט, **"כִּי זֶה משֶׁה הָאִישׁ אֲשֶׁר הֶעֱלָנוּ מֵאֶרֶץ מִצְרַיִם לֹא יָדַעְנוּ מֶה הָיָה לוֹ"** - מיר ווייסן נישט וואו איז דער משה וועלכער זאל אונז אריינגעבן די מדה פון ענוה, און ממילא האבן מיר א גרויסן פחד פון גאות! וואס טוט מען דא?". דעריבער האבן זיך אידן אנגעפאסט מיט אזא מין החלטה, אז איידער אריינצופאלן אין גאות - וועלכער איז 'גדול מן העוונות' - וועלן זיי בעסער טון אן עבירה! זיי וועלן טאקע ווערן פארשמירט און צובראכן אויף שטיקער, אבער עס איז אלץ כדאי, אבי אוועק מיטן גאות! יעצט וועלן זיי זיך שוין נישט האלטן גרויס, אז זיי זענען ריין און דערהויבן, ווייל זיי זענען דאך דורכגעפאלן מיט אזא הארבן חטא, נאר פארקערט, פון יעצט וועלן זיי שוין האבן א לב נשבר! אזוי זאגט דער דרכי תשובה אין דער הקדמה אויפן 'צבי תפארת'.

**באמת**, אז מען טראכט אריין, ליגט אין דעם א געוואלדיגע מליצה און א הייליגע כונה וואס אידן האבן דעמאלט געהאט, אז אידן זענען געווען גרייט צו נעמען אויף זיך אזא הארבן חטא, מיט די אלע עונשים רח"ל וועלכע קומען אויף אזא זאך, אלעס זענען זיי געווען גרייט אוועקצוגעבן פון זיך - אבי נישט אריינצופאלן אין גאות, וואס דאס איז דאס ערגסטע! און ווייל עס האט זיך זיי נאר געדוכט, אז זיי האבן עפעס א מחשבה כל דהוא פון גאות, האבן זיי שוין נישט געוואוסט וואס צו טון מיט זיך, און זיי האבן אריינגעטאנצן אין אזא חטא - כדי צו פארטרייבן דעם גאות מכל וכל! דאס איז עפעס א געוואלדיגע מדרגה.

משה רבינו נוצט דעם 'חטאה גדולה' אלס מליצה ישרה אויף אידן

**לויט** דעם קען מען זייער גוט פארשטיין די פסוקים: "**וַיָּשָׁב מֹשֶׁה אֶל ה' וַיֹּאמַר אָנָּא**" - משה רבינו הייבט אָן צו מעורר רחמים זיין אויפן כלל ישראל, און ער בעט זיך 'אנא' - דערבארעם זיך אויף זיי. וועסטו פרעגן מיט וועלכן זכות זאל איך רחמנות האבן אויף זיי? אויף דעם זאגט ער ווייטער, אינעם זכות פון: "**חָטָא הָעָם הַזֶּה חֲטָאָה גְדֹלָה וַיַּעֲשׂוּ לָהֶם אֱלֹהֵי זָהָב**" - וויבאלד דאס פאלק האט געשפירט אז עס כאפט זיך אריין אין זיי דער 'חטאה גדולה' - דאס איז גאות וועלכע איז 'גדול מן העוונות' - דעריבער זענען זיי געגאנגען און געמאכט דעם אלהי זהב! דאס הייסט, אז דער 'שורש' און די סיבה פונעם חטא המדבר איז געווען בלויז צוליב דעם פחד פון 'גאות'. האט משה רבינו געזאגט: "רבונו של עולם, זעה וואספארא כלל ישראל דו האסט! דו ווייסט דאך ווי שווער עס איז געווען פאר אזעלכע הייליגע אידן - וועלכע האבן געזאגט 'נעשה ונשמע' און געהערט פון דיר 'אנכי ולא יהיה לך' - צו גיין זאגן 'אלה אלהיך ישראל'! עס איז דאך נישט משיג צו זיין ווי שווער דאס איז זיי אנגעקומען! און דאך, צוליב די מינדעסטע חשש אז זיי האבן עפעס א מחשבה פון גאות - וואס דו האסט עס פיינט און עס איז א תועבה ביי דיר - האבן זיי גארנישט געקוקט אויף 'זיך', נאר זיי האבן געמאכט אן 'אלהי זהב'! אלעס פאר דיינעט וועגן, כדי נישט צו האבן קיין משהו גאות, וועלכע איז אזוי מאוס ביי דיר! זעה דאס הארץ פון אידישע קינדער, ווי געטריי זיי זענען דיר!".

**ער נעמט דעם שולד אויף זיך**

**איינמאל** משה רבינו האט געענדיגט זיין תחנונים און מליצה אויף אידן, האט ער צוגעלייגט: אויב דו ביסט זיי נישט מוחל אויפן חטא, מוז דאך זיין אז דו ביסט מקפיד אויף דעם גופא, פארוואס זיי זענען טאקע געווארן בגאות - נו אויב אזוי, "**וְאִם אַיִן**" - אויב איז דער חסרון אין דער מדה פון 'אין', וואס זיי האבן נישט געהאט קיין ענוה, "**מְחֵנִי נָא מִסִּפְרְךָ אֲשֶׁר כָּתָבְתָּ**" - בין איך דער שולדיגער! ווייל זעט אויס, אז איך האב נישט גענוג אריינגעברענגט אין זיי די מדה פון ענוה, אז אפילו ווען איך בין נישט דארט - זאלן זיי **אויך** זיין בענוה! ווייל אויב וואלט איך זיי גענוג משפיע געווען 'ענוה', וואלטן זיי טאקע נישט געהאט דעם חשש אז זיי וועלן ווערן בגאות. ממילא, אויב ביסטו זיי נישט מוחל, איז '**מְחֵנִי נָא**', דארפסטו **מיר** אויסמעקן פונעם ספר תורה, ווייל עס איז **מיין** שולד - נישט זייערס.

**מחצית השקל: דו ביסט נאר א 'בינוני' – רמז לשפלות**

**נאך** די לעצטע פערציג טעג וואס משה רבינו איז געווען אין הימל, איז דער אייבערשטער נתרצה געווארן צו אידן און זיי מוחל געווען אויפן חטא, און ער האט געהייסן אז יעדער איד זאל געבן א מחצית השקל פאר די אדנים, און מיט דעם וועט זיין - לכפר על נפשותיכם - א כפרה אויף דעם חטא. לכאורה, לויט ווי מען רעדט, אז דער 'שורש' פונעם חטא המדבר איז בעיקר געווען, ווייל אידן האבן געציטערט נישט אריינצופאלן אין גאות - זייענדיג אין אזא גרויסע מדרגה. נו, דארף מען פארשטיין, מיט וואס איז דער מחצית השקל געווען א בחינה פון 'מדה כנגד מדה', אז דאס זאל ווייזן אויף ענוה און שפלות?

**נאר** מען קען דאס מסביר לויטן עבודת ישראל (פרשת שקלים ד"ה העשיר), וואס ער זאגט, אז דער ענין פון 'מחצית השקל' איז, אז א מענטש זאל זיך שטענדיג האלטן ווי א 'בינוני', און אפילו אויב ער איז באמת א גרויסער עושר **ברוחניות** מיט אסאך תורה און מצוות, זאגט די תורה: "**העשיר לא ירבה**" - האלט זיך נישט ווי אן עושר, נאר ווי א בינוני. קומט אויס, אז דער מחצית השקל ברענגט אריין אינעם מענטש א 'לב נשבר' און א 'שפלות', אז ער זאל וויסן אז ער איז נאכנישט אין דער מדרגה פון 'נקי מעוונות', אז ער זאל דארפן חושש

זיין פאר ׳גאות׳ וועלכער איז ׳גדול מן העוונות׳, נאר ער איז נאך ווייט פון שלימות!

**די ׳אדנים׳ ליגן אויף דער ערד – אויך א רמז לשפלות**

**מיט** דעם פארשטייט מען, פארוואס מען האט געמאכט די ׳אדנים׳ דוקא פונעם ׳מחצית השקל׳, ווייל די אדנים זענען דאך געליגן פון אונטן, ממש אויף דער ערד, און מען האט זיי קוים געזען, וואס דאס ווייזט אויף ׳שפלות׳ און ענוה; ווי די גמרא (סוטה ה.) רופט אָן דעם עניו: ״**נעשה שכן לעפר**״, און ווי רש״י זאגט דארט: ״**משפיל עצמו לעפר**״. און דערפאר האט מען גענומען די געלט פונעם מחצית השקל - וועלכע ווייזט אויף ׳בינוני׳, אז דער מענטש האלט זיך נישט גרויס - און פון דעם געמאכט די אדנים, וועלכע ווייזט אויפן ענין פון ׳שכן לעפר׳, אז דער מענטש האט א לב נשבר, און שפירט זיך בענוה.

**דער גאנצער משכן האלט זיך אויף די ׳אדנים׳ – א שטיק שפלות**

**מיט** דעם פארשטייט מען, פארוואס דער ׳לכפר על נפשותיכם׳ שטייט בלויז ביי די אדנים. ווייל דוקא דער ענין פון ׳מחצית השקל׳ און ׳אדנים׳ וואס דאס ווייזט אויף **שפלות** - **דאס** איז די כפרה אויפן חטא העגל וועלכע איז געקומען פונעם פחד פון **גאות**. און דערפאר זענען טאקע די ׳אדנים׳ געווען די וועלכע האבן צוזאמגעהאלטן דעם גאנצן משכן, און די הלכה איז דאך (יו״ד פז, יב): ״דבר המעמיד אפילו באלף לא בטל״. דאס הייסט, די אדנים זענען נישט געווען קיין **זייטיגע** זאך, נאר זיי האבן ׳מעמיד׳ געווען דעם גאנצן משכן! זיי האבן אריינגעגעבן דעם מהות פון מדת הענוה אינעם גאנצן משכן! דער גאנצער מציאות פונעם משכן איז געווען א שטיק ענוה און לב נשבר.

**אויב דער אייבערשטער איז שורה אויף זיי – איז א סימן אז זיי האבן נישט קיין גאות**

**מיט** דעם פארשטייט מען שוין די רש״י: **עדות לישראל שויתר להם הקדוש ב״ה על מעשה העגל שהרי השרה שכינתו ביניהם**״ - דער עצם מציאות פונעם משכן, אז דער אייבערשטער רוהט צווישן אידן - איז געווען אן ׳עדות׳ און א ׳סימן׳ אז דער אייבערשטער האט מוחל געווען אויפן חטא המדבר, וועלכע איז געקומען פון גאות. ווייל כאטש דער אייבערשטער איז טאקע ׳שוכן אתם בתוך

טומאותם', איז דאס אלעס ביז ווען עס קומט צו גאות; ווי די גמרא זאגט (סוטה ה.): **"כל אדם שיש בו גסות הרוח אמר הקדוש ברוך הוא אין אני והוא יכולין לדור בעולם"** - דער אייבערשטער קען נישט וואוינען מיט איינעם וואס האט גאות, און אויף פארקערט - זאגט דארט די גמרא: **"אני את דכא"** - דער אייבערשטער איז שוכן מיט איינעם וועלכער האלט זיך קליין. ממילא, אויב מען זעט אז "ושכנתי בתוכם", אז דער אייבערשטער איז משרה שכינתו ביי אידן, איז א סימן אז דער אייבערשטער האט זיי שוין מוותר געווען אויפן **שורש** פונעם חטא המדבר, און זיי זענען שוין נישט קיין בעלי גאה, ווייל אויב וואלטן זיי נאך געהאט גאוה - וואלט ער נישט משרה געווען זיין שכינה ביי זיי.

**קומט** אויס, אז דער עצם מציאות פונעם משכן, איז א 'סימן' אז דער אייבערשטער האט מוחל געווען אויפן חטא המדבר, אבער די 'סיבה' וואס האט טאקע גורם געווען די כפרה, איז געווען דער **שפלות** וואס אידן האבן געהאט ביים געבן די 'מחצית השקל' פאר די 'אדנים'.

**דער משכן איז מעורר א מענטש צו א בושה פון זיינע עוונות**

**מיט** דעם פארשטייט מען די פסוקים פון דער הפטורה: **"אַתָּה בֶן אָדָם הַגֵּד אֶת בֵּית יִשְׂרָאֵל אֶת הַבַּיִת וְיִכָּלְמוּ מֵעֲוֹנוֹתֵיהֶם"** - דא רעדט מען צו א מענטש וועלכער האלט זיך גרויס, כאילו ער איז ריין פון עוונות. זאגט מען אים: קוק אריין אינעם משכן, אויף וואס האלט זיך דאס? ווער איז דער 'דבר המעמיד'? אויף די 'אדנים' - וועלכע קומען פונעם מחצית השקל! פון דארט זאלסטו זיך אויסלערנען דעם 'העשיר לא ירבה'! דו זאלסט וויסן, אז דו ביסט נישט מער ווי א 'בינוני'! דו ביסט נאכנישט ריין פון עונות! **וְיִכָּלְמוּ מֵעֲוֹנוֹתֵיהֶם** - דו האסט נאך מיט וואס זיך צו שעמען!

**דער מחצית השקל קומט באווארענען דעם 'גאות' וואס קען ארויסקומען פון 'נעשה ונשמע'**

**מיט** דעם פארשטייט מען דעם מדרש: **"כיון שקבלו ישראל עול מלכות שמים בשמחה ואמרו 'כל אשר דבר ה' נעשה ונשמע', מיד אמר הקב"ה למשה שיאמר לישראל שיעשו לו משכן שנאמר 'דבר אל בני ישראל וגו' ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם"** - ווי נאר אידן

האבן געזאגט 'נעשה ונשמע' און זיי זענען אנגעקומען צו אזעלכע הויכע מדרגות, האט זיך גלייך אויפגעוועקט א חשש, אז זיי וועלן ארייפאלן אין גאות, דערפאר האט דער אייבערשטער געהייסן, אז מען זאל 'שוין' געבן א 'מחצית השקל', וואס דאס וועט זיי דערמאנען אז זיי זענען נאכנישט בשלימות, נאר זיי זענען קוים א 'בינוני', און דורכדעם וועלן זיי קענען בלייבן ביי דער דערהויבנקייט פונעם 'נעשה ונשמע'.

#### נאכן בויען דעם משכן איז דער חטא המדבר אינגאנצן פארגעסן געווארן

**מיט** דעם פארשטייט מען די גמרא: "**גם אלה תשכחנה, זה מעשה העגל, ואנכי לא אשכחך, זה מעשה סיני**" - דעם חטא המדבר וועל איך פארגעסן, וויבאלד עטץ האט עס דאך געטון מיט חשבונות, וואס עטץ האט געהאט אזא מסירות נפש כדי זיך צו ראטעווען פון **גאות.** (און אויפן גאות אליינס, האט עטץ דאך א משכן וואס איז מכפר דערויף; ווי אויבנדערמאנט). אבער דער 'אנכי' וואס עטץ האט געהערט און עטץ זענט אנגעקומען צו אזא הויכע מדרגה, דאס וועל איך נישט פארגעסן! ווייל דאס איז דאך געווען מיט אן אמת'דיגקייט אָן קיין שום חשבונות.

## דברי כיבושין

**היוצא לנו מזה:** עס איז דא זייער אסאך זיך ארויסצולערנען, אבער מען קען זאגן, אז [בשלמא] איינער וואס ער איז א בעל גאה, [מסתם] האט ער זיך **מיט וואס** צו האלטן בגאות, [דעריבער] דארף מען אים מזהיר זיין: "זאלסט נישט זיין בגאות!". נו [אויב אזוי], וואס זאלן זיך אונז דא ארויסלערנען? אז דו זאלסט ציטערן אז דו זאלסט נישט קומען צו קיין גאות? [אויף דעם ענטפערט א מענטש]: "יא, ווען איך האלט [ווען] ביי 'נעשה ונשמע' - וואלט איך געציטערט! אבער אז איך האלט ביי גארנישט, [וועל איך דאך סייווי נישט קומען צו קיין גאות?]".

**אבער** איין זאך זעען מיר דאך יא, אז וואס טייטשט [דער גנות פון] גאות. אז אידן האבן נישט געוואלט קומען צו קיין גאות, האבן זיי עובר געווען די גרעסטע עבירה.

**[נו]**, עס שטייט דאך, און אסאך ספרים ברענגען דאס פונעם בעל שם: "כי לא בזה ולא שקץ ענות עני", אז דער אייבערשטער דערווייטערט נישט און ער איז נישט מבזה דאס 'עניוות' פון אן עני וואס ער האט טאקע גארנישט. איי, דו האסט גארנישט און דו ביסט אן עניו? וואס איז דער חשיבות? אבער פונדעסטוועגן איז עס א חשיבות ביים אייבערשטן.

**אויב** עס איז א חשיבות ביים אייבערשטן, [אזוי ווייט] אז דער אייבערשטער נעמט אן 'עניוות' - [אפילו פון אן 'ענות עני'] וואס דאס איז דער היפוך פון 'גאות', קען מען זען [פונדעם], אז 'גאות' איז אזא מין גרויסע עבירה[א].

**ביי** אונז איז אויך דא גאות, אז [וויבאלד] מיר פארשטיי מיר טאקע נישט [די ריכטיגע עבודת ה'], מיינט מען מיט יעדע זאך וואס מען טוט: "אה, איך האב געטון! איך האב געדאווענט! איך האב געלערנט!". דארף מען וויסן על כל פנים וואו מען האלט! אז מען זאל טון [און] מען זאל טון, אבער מען זאל וויסן אז מען דארף זיך היטן [פון גאות]! ווייל 'גאות', דאס מאכט 'אויס' די גאנצע חשיבות.

**זאל** דער אייבערשטער העלפן, מען זאל מיר זוכה זיין צו קענען מקיים זיין תורה און מצוות, מיט אהבה מיט יראה, מיט נחת און מיט שמחה, מקיים זיין די מצוות, און מיר זאלן מיר זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו, אמן.



א כמו שמצינו על צד הטוב במדת הענוה - שאע"פ שאין לו במה להחזיק עצמו בעניוות, כי הלא באמת אין לו כלום, מ"מ מצוה היא בידו, כיון שעכ"פ איננו בעל גאוה. כל שכן בגאוה, שאפילו אם אין לו במה להתגאות, מ"מ אם הוא מתגאה, עבירה הוא בידו.

## אֵלֶּה פְקוּדֵי הַמִּשְׁכָּן מִשְׁכַּן הָעֵדֻת אֲשֶׁר פֻּקַּד עַל פִּי מֹשֶׁה.

**א)** רש"י זאגט: **"עדות לישראל שֶׁוִּיתֵּר להם הקדוש ב"ה על מעשה העגל שהרי השרה שכינתו ביניהם"** - דער משכן ווערט אנגערופן 'עדות', ווייל דאס איז אן עדות פאר כלל ישראל, אז דער אייבערשטער האט זיי מְוַתֵּר געווען אויפן חטא המדבר, ווייל ער האט דאך געמאכט רוען זיין שכינה ביי זיי. לכאורה איז שווער, די גמרא זאגט דאך (ב"ק נ.): "כל האומר הקב"ה וַתְּרָן הוא יְוָתְּרוּ חייו"- מען טאר נישט זאגן אז דער אייבערשטער איז 'מְוַתֵּר'. אודאי אויב א מענטש טוט תשובה איז דער אייבערשטער אים 'מוחל', אבער ער איז נישט מְוַתֵּר פאר אומזיסט. נו, דארף מען פארשטיין דעם לשון וואס רש"י זאגט דא 'שֶׁוִּיתֵּר'?

**ב)** בכלל דארף מען פארשטיין דעם לשון 'שֶׁוִּיתֵּר', וואס דאס פאסט נאר צו זאגן ביי איינער וואס ער האט קיינמאל נישט מקפיד געווען אויף יענעמ'ס עולה; ווי א גוטער חבר וואס ער איז נישט מקפיד אויף יעדע קלייניקייט. אבער דא, ביי אזא הארבער חטא, האט דאך דער אייבערשטער יא שטארק מקפיד געווען און ער האט זיי געוואלט מעניש זיין מיטן ארגסטן חלילה. נו אויב אזוי, פאסט צו זאגן, אז יעצט נאכן בויען דעם משכן, איז פארהאן אן עדות אז ער האט זיי '**מוחל**' געווען, אבער נישט אז ער האט זיי '**מְוַתֵּר**' געווען?

**ג)** אויך דארף מען פארשטיין, וואס איז די ראיה פון דעם וואס דער אייבערשטער האט משרה געווען די שכינה צווישן זיי, אז דער אייבערשטער האט זיי מוחל געווען, עס קען דאך זיין א בחינה פון 'השוכן אתם בתוך טומאותם'?

**ד)** אויך איז שווער, דער גאנצער חטא איז דאך געקומען פונעם גרויסן 'עשירות' וואס אידן האבן געהאט; ווי רש"י זאגט אויפן פסוק (דברים א, א) 'ודי זהב': "הוכיחן על העגל **שעשו בשביל רוב זהב שהיה להם** שנאמר וכסף הרביתי להם וזהב עשו לבעל", זיי האבן געמאכט דעם חטא צוליב דעם ריבוי פון כסף וזהב וואס זיי האבן געהאט. און דא האט גאר דער אייבערשטער געהייסן בויען א **רייכן** משכן פון אזא ריבוי פון כסף וזהב? מיר ווייסן דאך א כלל (ברכות נט.): "אין קטיגור נעשה סניגור", לכאורה וואלט דער

אייבערשטער געדארפט הייסן בויען א משכן פון פשוט'ע האלץ און יריעות, נישט פון 'עשירות' - וואס דאס האט געברענגט דעם חטא?

**ה)** דער מדרש (שמו"ר נא, א) שטעלט דא צו דעם פסוק (משלי כח, כ): **"אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב בְּרָכוֹת וְאָץ לְהַעֲשִׁיר לֹא יִנָּקֶה"** - דער וואס האט אמונה, באקומט אסאך ברכות, און דער וואס איילט זיך רייך צו ווערן, וועט נישט ארויסגיין ריין דערפון. דארף מען פארשטיין דעם שייכות אהער?

**ו)** דער חתם סופר (פרשתן ד"ה אלה) מאכט א חשבון, אז די ניין און צוואנציג ככר זהב וואס איז אריינגעקומען פון די נדבות בני ישראל, איז נישט געווען גענוג צו מאכן אן ארון, כרובים, שולחן און מנורה. נאר וואס דען, די אלע כלים האט מען געמאכט פון גאר ווייניג גאלד, און עס איז נתרבה געווארען און עס איז אריינגעקומען א ברכה בדרך נס. דעריבער איז עס געווען 'כולו רוחני'; ווי מען זעט די אלע נסים פונעם ארון, 'נושא את נושאיו' (סוטה לה.) און 'אינו מן המדה' (יומא כא.), ווייל רוחניות איז נישט תופס מקום. אבער לכאורה דארף מען פארשטיין, בעצם האט דאך נישט אויסגעפעלט דער נס; ווי ער אליינס זאגט, אז מען האט געהאט גענוג פון די אנדערע זאכן, ווי תכלת וארגמן וכדומה, צו קויפן דערמיט גאלד, נאר דאס איז געווען א ספעציעלע אהבה וואס דער אייבערשטער האט ארויסגעוויזן צו אידן, נו אויב אזוי דארף מען דאך פארשטיין, פארוואס דוקא ביי דעם זהב איז געשען אזא נס מן השמים?

**זרע קודש: די שכינה האט גערוהט אויף זייער השתוקקות בלי סוף**

**נאר** עס קען אפשר זיין אזוי. דער זרע קודש (פרשת תרומה ד"ה א"י ויקחו) ברענגט א מדרש (תנחומא נשא יא), אז משה האט זיך געוואונדערט, ווי קען זיין אז דער אייבערשטער וועט קומען רוען אין א משכן פון א פאָר ברעטער? דער אייבערשטער איז דאך 'אין סוף'; ווי דער פסוק וואונדערט זיך טאקע (מלכים א ח, כז): "הלא השמים ושמי שמים לא יכלכלוך אף כי הבית הזה".

**אויף** דעם ענטפערט דער זרע קודש, אז ווען אידן האבן געברענגט די נדבות צום משכן, האבן זיי דאס געטון מיט אזא מין חשק

און תשוקה - וואס איז געווען ממש בלי סוף! זיי האבן געטראכט ביי זיך: "הלואי ווען איך קען ווען ברענגען אלע גאלד און זילבער פון דער גאנצער וועלט!", און אפילו דאס איז זיי אויך נישט געווען גענוג, נאר די תשוקה איז געגאנגען נאך העכער, זיי האבן געטראכט: "הלואי וואלט דער משכן געווען גרעסער ווי אלע עולמות, און איך זאל קענען ברענגען אָן א שיעור צום משכן!". ממילא איז שוין נישט שווער, וויאזוי האט דער 'אין סוף' גערוהט אין די פּאָר ברעטער, ווייל ער האט גערוהט אויף די תשוקה וואס אידן האבן אריינגעלייגט **אין** די ברעטער! וואס זייער תשוקה איז אויך געווען א געוויסע בחינה פון 'אין סוף'.

##### די גרעסטע השתוקקות איז געווען אויף גאלד - דערפאר איז דארט אריינגעקומען די ברכה

**מיט** דעם פארשטייט מען שוין דעם חתם סופר, פארוואס דוקא ביי דער גאלד איז געשען דער נס, אז עס איז נתרבה געווארן. ווייל גאלד איז דאך דאס טייערסטע זאך פון אלע נדבות המשכן, און פון דעם האבן זיי געהאט זייער ווייניג; ווי מען זעט אז גאלד האט מען געברענגט ווייניגער ווי אלע אנדערע תרומות. ממילא איז דארטן - ביים גאלד - געווען דער גרעסטער השתוקקות וואס אידן האבן געהאט! זיי האבן געהאט אזא כלות הנפש: "הלואי וואלט איך געקענט ברענגען נאך א שטיקל גאלד". נו אויב אזוי, איז דאך דער גאלד געווען א שטיק רוחניות! א שטיק אהבה רבה וואס האט געפלאקערט אין אידישע הערצער! ממילא, איז דאך דארט געווען מער 'השראת השכינה'; ווי דער 'זרע קודש' זאגט, אז די שכינה האט גערוהט אויף דער תשוקה וואס אידן האבן געהאט צום אייבערשטן. נו, איז דאך נישט קיין וואונדער, אז דוקא דער גאלד איז נתרבה געווארן בדרך נס.

##### די תשוקה האט איבערגעדרייט די געלט צו א הימלישע מציאות

**לויט** ווי דער חתם סופר זאגט, אז דא איז באשאפן געווארן **נייע** גאלד בדרך נס, וואס ווי מען זאגט, איז דאס געקומען פונעם גרויסן השתוקקות פון אידן - קען מען זאגן, אז אפילו ביי די אנדערע תרומות, וואו עס זענען טאקע נישט באשאפן געווארן קיין **נייע** זילבער און קופער בדרך נס - איז עס אבער נחשב כאילו עס איז א נייע מציאות! ווייל דארט איז דאך **אויך** געווען א געוואלדיגע תשוקה

און התלהבות מיט וואס אידן האבן דאס געגעבן; ווי דער זרע קודש זאגט, אז נאר דורכדעם האט געקענט זיין השראת השכינה. נו, אויב השתוקקות האט 'בכח' צו באשאפן נייע גאלד מן השמים, איז דאך הוא הדין, אז אפילו דער זילבער וואס זיי האבן געגעבן - איז געווען ווי כאילו ניי באשאפן! עס איז געווען ווי הימלישע גאלד און זילבער!

**עס איז גארנישט געווען דער זעלבער 'מין' געלט ווי דער געלט פונעם חטא**

**לויט** דעם ווערט שוין פארענטפערט די קושיא פון 'אין קטגור נעשה סניגור'. ווייל דער גאלד און זילבער פונעם משכן, איז נישט דער זעלבער **מין** גאלד און זילבער ווי דאס וואס זיי האבן גענוצט צו מאכן דעם חטא, ווייל דארט האבן זיי עס נישט געגעבן חס ושלום מיט א תשוקה און התלהבות, לא מיניה ולא מקצתיה, די ערב רב האבן זיי נעבעך צוגערעדט און זיי האבן עס אהינגעגעבן. אבער דא ביים משכן, האבן זיי דאך געגעבן מיט אזא געוואלדיגע השתוקקות און כיסופין, נו איז דאך דאס אן אנדערער מין גאלד און זילבער! דאס איז הימלישע געלט! דער מין געלט וועגט אָן א שיעור מאל מער - באיכות - פון יענעם געלט, ממילא איז דער גאנצער 'קטיגור' געווארן בטל כלפי דעם סניגור!

**די נדבות המשכן האט באוויזן וואס א איד וויל אמת'דיג**

**דעריבער** זאגט רש"י דעם לשון: "**שֶׁוִיתֵּר להם הקב"ה על מעשה העגל**". און ער נוצט בדוקא נישט דעם לשון 'מחל', ווייל טאמער וואלט ער גענוצט דעם לשון 'מחל', וואלט עס געמיינט, אז אידן האבן געטון א 'תשובת המשקל' - אויפן חטא, און דער אייבערשטער האט זיי מוחל געווען מכאן ולהבא. אבער דעמאלט וואלט געווען שווער די קושיא פון 'אין קטיגור נעשה סניגור'. דעריבער זאגט רש"י: 'שֶׁוִיתֵּר הקב"ה על מעשה העגל' - אידן זענען דא געווארן נתקרב צום אויבערשטן מיט אזא התקרבות, און עס איז ארויסגעקומען אזוי קלאר דאס פנימיות פון א איד, וואספארא השתוקקות ער האט צום אייבערשטן. דערפאר, איז נישט בלויז האט זיי דער אייבערשטער מוחל געווען מכאן ולהבא, נאר דער אייבערשטער האט עוקר געווען די זאך למפרע! ער האט עס אינגאנצן אוועקגעמאכט! "עס איז גארנישט געוועזן! מען דארף דא גארנישט **מוחל** זיין, ווייל איך האב ממש נישט קיין שום הקפדה!".

**די השראת השכינה איז א ראיה אויף זייער גרויסע תשוקה וועלכע האט געברענגט א 'ויתור'**

**די** ראיה אז דער אייבערשטער האט זיי אינגאנצן **מְוַתֵּר** געווען, זאגט רש"י: **"שהרי השרה שכינתו ביניהם"** - ווייל דו זעסט דאך אז דער אייבערשטער איז געקומען רוען צווישן זיי. דאס הייסט, אויב וואלט זיי דער אייבערשטער בלויז 'מוחל' געווען מכאן ולהבא, נו, קומט זיך זיי שוין השראת השכינה דערפאר? גענוג אז מען באשטראפט זיי נישט, אבער קומען וואוינען צווישן זיי? דאס איז דאך שוין אינגאנצן דער היפוך! נאר פון דעם זעט מען, אז דא איז געווען אזא גרויסע בחינה פון סליחה - אויף א דרגא פון 'ויתור', כאילו עס איז **גארנישט** געווען. וואס דאס איז דאך געקומען פון די גרויסע אין סוף'דיגע תשוקה פון אידן, און דערפאר איז געווען דארט השראת השכינה - אויף זייער תשוקה.

**פון האנדלען ערליך דערלייגט מען נישט קיין געלט**

**מיט** דעם פארשטייט מען שוין דעם מדרש: **"אִישׁ אֱמוּנוֹת רַב בְּרָכוֹת וְאָץ לְהַעֲשִׁיר לֹא יִנָּקֶה"**. דער **'אִישׁ אֱמוּנוֹת'** גייט ארויף אויפן ענין פון 'משא ומתן באמונה', צו האנדלען ערליך, נישט עובר זיין אויף גניבה, אונאה און חילול ה' וכדומה, וואס דאס קומט אויך פון א תשוקה און א קשר צום אייבערשטן, וואס דער איד ציטערט צו טון עפעס א זאך, וועלכע וועט אים חלילה קענען צוברענגען צו אן עבירה.

**וועט** אבער א מענטש פרעגן: "אידישקייט קאסט דאך אזוי סאך געלט, דא דארף איך צאלן שכר לימוד פאר די קינדער, דא דארף איך צאלן אויף צרכי שבת און יום טוב, דא דארף איך געבן צדקה וכדומה, נו אויב וועל איך האנדלען ערליך - פון וואו וועל איך האבן געלט צו באצאלן פאר די אלע הייליגע צרכים?". אויף דעם ענטפערט דער מדרש: **"רַב בְּרָכוֹת"** - קוק זיך צו צום משכן, וועסטו זען אז א מענטש קען ממשיך זיין אזויפיל ברכות, אזויפיל כסף וזהב אן א שיעור - נישט דורך ערמימיות, נאר פשוט דורכן האבן א תשוקה צום אייבערשטן! ווייל דער עיקר איז דיין תשוקה! דו דארפסט נישט פארדינען אזויפיל געלט וויפיל דו מיינסט, דו דארפסט נאר האבן א תשוקה! אויב וועסטו האבן אן אמת'דיגע השתוקקות צו טון נאר דעם רצון ה' - וועסטו נישט האבן קיין שום מניעה אויף דער וועלט!

דיין השתוקקות וועט אפילו אראפברענגען געלט פון הימל! אלעס קומט פון די השתוקקות פון א איד.

מען קען נישט בויען אידישקייט מיט אומריינע געלטער

**ווידער** אבער, אויב וועסטו זיין אן **'אָץ לְהַעֲשִׁיר'**, דו וועסט זוכן צו שאפן געלט אויף קרומע וועגן - אפילו אויף צו בויען אידישקייט, אבער **"לֹא יִנָּקֶה"** - אזא אידישקייט איז נישט קיין ריינע אידישקייט! דאס וועט נישט האבן קיין קיום! און דו וועסט נישט אנקומען צו קיין שום מדרגה - דורך אזא אידישקייט, וועלכע קומט פון נישט ריינע געלטער.

## דברי כיבושין

**היוצא לנו מזה:** א תשוקה פון א איד האט נישט קיין שיעור און קיין ערך. דאס איז נישט דוקא ווען ער האט נישט דעם 'כסף וזהב', [נאר אויך] ווען ער האט נישט דעם 'שכל', ער האט נישט דעם 'דעת', ער זעט זיך נישט צו [זיך אפצולערנען] ביי קיינעם. אבער ער ווייסט דאך, ער קוקט דאך אין ספרים, זעט ער דאך וויאזוי מען איז צוגעגאנגען צו די טייערע זמנים, די ד' פרשיות, וואס צדיקים זענען נתעלה געווארן! אזוי נתעלה געווארן! עס איז דאך געווען אזא דערהויבנקייט ביי צדיקים [אין] די הייליגע לוסטיגע טעג וואס קומען יעצט.

**דארף** מען וויסן, [אז] כאטשיג דו האסט נישט די אלע זאכן [דעם דערהויבנקייט], אבער דו וואלסט **געוואלט** האבן, דו וואלסט געוואלט זאגן 'אור פניך עלינו נשא', [אז] עס זאל עפעס אריין טיף אין הארץ! [דו דרייסט זיך] מיט א תשוקה: **"איך וואלט געוואלט!** ליידער איך האב נישט קיין הארץ!". פונדעסטוועגן זאלסטו וויסן, [אז] דאס איז זייער גרויס, [און] עס קען אמאל קומען תחת כסא הכבוד!

**עס** קומען די הייליגע טעג הבאים עלינו לשלום, זאל דער אייבערשטער העלפן, זאלן מיר זוכה זיין [צו] האבן א שייכות

מיט זיי, מיט שמחה און מיט נחת, מען זאל מיר האבן 'שכל', און 'טהרת הלב' און 'טהרת המחשבה' מקיים צו זיין די אלע מצוות. דער אייבערשטער זאל העלפן, מיר זאלן זוכה זיין צו די גאולה שלימה במהרה בימינו, אמן

## דיבורים וסיפורים - ממה שסיפר תחת השיחים במשך השנים

### ז' אדר - משה רעיא מהימנא

#### כל זמן שהנשמה בקרבי...

**די** וועלט פארציילט אויף איינע פון די גרויסע צדיקים, אז ער פלעגט אנצינדן א לעכטל ז' אדר, און זאגן: "לעילוי נשמת רבינו משה בן עמרם".

**ווייזט** אויס, אז דער ענין פון 'עילוי נשמה' האט נישט קיין שיעור, עס איז 'אין סוף', ממילא, קען מען אייביג א טובה טון פאר די נשמה.

**אן** ענליכע מעשה איז געווען ביים הייליגן צאנזער רב זי"ע, אז נאכן דאווענען כ"א אדר - ביים יארצייט פון הייליגן רבי'ן ר' אלימלך זי"ע - האט ער געטרינקען 'לחיים' און געוואונטשן "די נשמה זאל האבן אן עליה". האט אים דארט א חסיד געפרעגט: "דער רבי ר' אלימלך דארף דען אנקומען צו אונזערע טובות?". האט אים דער הייליגער צאנזער רב געענטפערט: **"די גרעסטע נשמה אויף יענער וועלט, דארף אנקומען צום קלענסטן אויף דער וועלט"**.

### מרת דינה בת רבי יצחק זצ"ל - הרבנית מלאנצוט עליה השלום
### י' אדר תשל"ה

**די** מאמע עליה השלום האט געהאט א ספעציעלע סייעתא דשמיא ביי צדיקים, אז זיי זאלן זיך אוועקגעבן און אויס'פועל'ן וואס מען דארף. און דער אייבערשטער האט איר אלעמאל געהאלפן צו טרעפן דעם ריכטיגן עת רצון, און זאגן די ריכטיגע דיבורים און זי האט טאקע זוכה געווען צו באקומען די ריכטיגע ברכות.

#### און זיי בפרט...

**עס** איז געווען אלול תרצ"ט - ממש עטליכע טעג איידער די קריג האט אויסגעבראכען, האט הרה"ח ר' חיים יושע פשעמיש ז"ל, געכאפט א באן פון לאנצוט קיין ריישא, און געפארן צום קאלאשיצער

רב זצ"ל, און דאס איז ממש געווען א מסירות נפש, ווייל די וועגן זענען שוין דעמאלט געווען מסוכן, און דאס איז געווען די לעצטע באן וואס איז נאך געפארן מיט ציווילע מענטשן. האט די מאמע עליה השלום אים געבעטן אז ער זאל אונז אויך מזכיר זיין ביים רב. ווען ער האט אונז מזכיר געווען, האט דער הייליגער קאלאשיצער רב אנגעוואונטשן מורא'דיגע ווערטער: **"דער אייבערשטער זאל היטן אלע אידן, און זיי** (די לאנצוטע משפחה) **בפרט!"**.

**די** ברכה פונם הייליגען רב האט אונז ממש דערהאלטן דאס חיות אין די אלע שווערע זמנים וואס מען איז דורכגעגאנגען.

**אם הבנים שמחה...**

**ווען** די קריג האט אויסגעבראכן, זענען מיר אריבערגעלאפן צו די רוסישע זייט, האפנדיג אז דארט וועט זיין בעסער (וכך הוה, מיר האבן **טאקע** געליטן דארט **א** סיביר, וואס איז גארנישט געווען אזוי פשוט, אבער עס איז נישט געווען דאס וואס די רשעים ימ"ש האבן געטון). ווען מיר זענען געווען אין 'בעדייבא' (א שטאט אין סיביר) האט מען איינגעזעצט דעם טאטן ז"ל אין תפיסה אויף זעקס חדשים, פארן חטא וואס ער האט געמאכט א מנין ביי זיך אינדערהיים. און אונז זענען מיר געווען זייער צובראכן, נישט וואוסנדיג וואס דא וועט זיין און וויאזוי מען וועט קענען דורכגיין אזא עת צרה. האט די מאמע געשיקט א קארטל צום קאלאשיצער רב זצ"ל קיין פריסטיק (די מאמע האט נישט געוואוסט צי דער קאלאשיצער רב איז נאך אין פריסטיק, אבער קודם האט זי געשיקט א קארטל... למעשה, האט מען דעמאלט נאכנישט געהאט פארטריבן די אידן פון פריסטיק), צו פארציילן זייער מצב און זיך מזכיר זיין.

**ויהי** היום, איז אנגעקומען צו אונז א בריוו וואס די פריסטיקער רביצין (די מאמע פונעם קאלאשיצער רב) האט געשריבן צו די מאמע עליה השלום, און זי האט דארט געשריבן בערך דעם לשון: **"מיין זון הרב שליט"א האט געהייסן אז איך זאל דיר שרייבן דעם פסוק "אם הבנים שמחה"**. דאס הייסט, אז די 'מאמע' וועט זיך נאך פרייען. עס איז נישט פארצושטעלן די שמחה וואס די מאמע האט געהאט פון דעם בריוו, וואס זי - מיט איר תמימות'דיגע אמונת צדיקים - האט

דאס אנגענומען אלס ׳הבטחה׳ אז דער טאטע וועט ארויסקומען פון תפיסה, און אז אונז וועלן אלע איבערלעבן דעם קריג.

**ברכות לראש צדיק**

**איך** געדענק אז ממש איידער די קריג האט אויסגעבראכן, איז אריינגעקומען צו אונז אינדערהיים אין לאנצוט אן ארימאן, ער האט אויסגעזען ווי א איד פון בערך פערציג אדער פופציג יאר אלט, א הויכער איד מיט עפעס א לעכטיגע צורה. און ער האט געבעטן אויב מען קען עפעס עסן. נו, כאטש די מאמע האט ממש קוים געהאט וואס צו געבן, איז זי דאך געווען א גרויסע בעלת חסד, האט זי זיך אנגעשטרענגט און צוגעשטעלט עפעס א וועטשערע פאר דעם גאסט.

**ווען** ער האט געענדיגט עסן, האט ער זיך אויפגעשטעלט און ער אנגעהויבן וואונטשן מורא׳דיגע ברכות, וואס מען האט געזען אין זיינע ברכות, אז ער איז נישט קיין פשוט׳ער מענטש, נאר דאס זענען עפעס העכערע ברכות. ער האט געוואונטשן און געוואונטשן א לענגערע צייט. און אינמיטן האט ער אנגעהויבן רעדן עפעס מורא׳דיגע דיבורים, וואס אונז האבן זיך ממש דערשראקן פון זיינע ברכות... "מען זאל ניצול ווערן פון הריגות און השמדות" וכדומה. און איז זיך געגאנגען זיין וועג.

**באלד** דערויף האט אויסגעבראכן די קריג. האט די מאמע געהאלטן, אז דאס איז געווען עפעס א הימלישער שליח וואס מען האט איר צוגעשיקט מן השמים, כדי זיינע ברכות זאלן איר ביישטיין איבערצולעבן די קריג מיט די גאנצע משפחה.

**דוקא וועט זי האבן צדיקים נסתרים...**

**די** מאמע ע"ה פלעגט זיך זייער אסאך מזכיר זיין ביי צדיקים, אז אירע קינדער זאלן וואויל געראטן... איינמאל זייענדיג ביים קאלאשיצער רב, האט זי שטארק מפציר געווען, אז ער זאל איר אנוואונטשן וואוילע קינדער. די קאלאשיצער רביצין איז געשטאנען אין דער זייט, האט זי זיך אנגערופן צום קאלאשיצער רב: "וואס וויל זי? זי האט דאך וואוילע קינדער?". האט דער קאלאשיצער רב איר געענטפערט: "זי וויל האבן אזעלכע צדיקים ווי דער ׳בעלזער רב׳

(הרה"ק רבי אהרן זי"ע), **און ווי דער 'סאטמארער'** (ער האט בפשטות געמיינט דעם פעטער רבי חנה הערש זצ"ל, וואס אים האט מען גערופן ביי אונז דער סאטמארער, האבנדיג א בית המדרש אין שטאט סאטמאר), **דוקא וועט זי האבן צדיקים נסתרים!"**.

מער האט שוין די מאמע נישט געדארפט... זי האט שוין אלעס באקומען...

יעצט דארף איך ערשט הארעווען דערצו...

**חגרה בעוז מתניה**

**עס** איז אמאל געווען, אז די שוועגערין הרבנית חנה מלכה ע"ה (אשת הרה"צ רבי יחזקאל שרגא וואגשאהל זצ"ל) איז געווארן שטארק נישט געזונט אויף די גאל ל"ע, און עס האט געהאלטן ביי א מצב וואס מען האט געמיינט, אז ... רח"ל. איז די מאמע ע"ה אריינגעלאפן אין בית המדרש, און דער רבי זכרונו לברכה האט דעמאלט געהאלטן אינמיטן זאגן די שלש סעודות תורה, אבער זי האט אנגענומען א דרייסטקייט און אריינגעשריגן אינמיטן די תורה: **"דער רבי האט דאך צוגעזאגט, אז די ערשטע צען פרויען וואס וועלן גיין אָן גארנישט** (דאס הייסט, אן קיין שום שייטל), **וועט זיי גארנישט פעלן. נו, מיין שנור גייט דאך מיטן לבוש, און זי איז נישט געזונט!"**. דער עולם האט באלד אנגעהויבן שושקען כדי איר שטיל צו מאכן... אבער דער רבי האט געוויזן מיט זיינע הייליגע הענט, אז מען זאל איר לאזן אויסרעדן. ווען זי האט געענדיגט, האט דער רבי ווייטער ממשיך געווען מיט די תורה.

**מוצאי** שבת איז די מאמע אריבערגעגאנגען צום רבי'ן און געבעטן מחילה אויף דעם וואס זי האט געשטערט אינמיטן די תורה. האט איר דער רבי געזאגט: **"דיין מחילה וועט זיין, אז דו וועסט מיר קומען אנזאגן א גוטע בשורה"**. וכך הוה, דער מצב האט זיך געגעבן א דריי איבער, און עס האט נישט לאנג גענומען, ביז זי איז געקומען אנזאגן דעם רבי'ן די בשורה טובה, אז זי איז שוין געזונט געווארן.

בעזהשי"ת

# מכון אמרי מנחם
# וועד להוצאת ספרי רבינו זצוק"ל


הגה"צ רבי **חיים מאיר וואגשאהל**
**נשיא**

הרב **דוד שלמה לאוב**
**יושב ראש**

**חברי הוועד**
הר"ר **טובי' אביגדור פעלדמאן**
הר"ר **ישראל יעקב פרענקל**
הר"ר **משולם איסר קעסטענבוים**


שלומים מרובים לכל אנ"ש וידידינו הע"י.

נבקש בזה מכל או"א מי שיש לו איזה דברי תורה, סיפורי צדיקים וכד' בכתב או בטעיפ מכ"ק מרן רבינו זיעועכי"א שיואיל בטובו למסור לנו העתק כדי שנוכל לסדרם כולם בפונדק אחד ולהדפיסם בסדר נאה ומסודר, ובודאי יהי' נייחא לנשמתו הק'.

כידוע, **הכרת הטוב** הי' ממדתו של רבינו זיעועכי"א ובודאי יעמוד זכותו הגדול לכל אחד העוזר ומסייע להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב.

**הוועד**


**יכולין להשאיר הודעה על הטעל. 845.459.5954**

**או לשלוח ע"י אימעיל mechonshinova@gmail.com**